**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/23/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט 178.8 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג צו שטיצן טראנספארטאציע פארבעסערונגען אין 75 קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק

***שטיצט קאנסטרוקציע פון נייע צוטריטליכע סיידוואָקס און מיטגעטיילטע באניץ וועגלעך, פארבעסערט פיסגייער און ביציקל זיכערהייט, און פארמיטלט צוטריט צו דעם טראנספארטאציע סיסטעם פאר באניצער אין יעדן עלטער און פעאיגקייט***

***פראיעקטן פירן פאראויס ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט צילן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן 178.8 מיליאן דאלער איז צוגעטיילט געווארן צו 75 קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט פאר פראיעקטן וועלכע שטיצן ענווייראנמענטאל-גינציגע רייזע מיטלען און מאכט עס גרינגער און מער זיכער אויף צו גיין צופיס, אויף א ביציקל אדער א הייק. די פינאנצירונג וועט פארבעסערן צוטריט צו די טראנספארטאציע סיסטעם פאר אלע באניצער און פאראויס-ברענגען ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע אגענדע צו קעמפן קלימאט ענדערונג דורך שטיצן די קאנסטרוקציע פון נייע סיידוואָקס, מיטגעטיילטע באניץ וועגלעך און אנדערע פארבעסערונגען וועלכע פארמיטלען דאס באניץ פון נישט-מאטאריזירטע רייזע מיטלען און רעדוצירט שעדליכע גאז ארויסלאז. איבער צוויי דריטלען פון די פראיעקטן צוגעטיילט וועלן זיין א טובה פאר ענווייראנמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטיס, און דערביי העלפן פארבעסערן באהאפטנקייט, לופט קוואליטעט און ביציקל און פיסגייער צוטריט פאר די איבערוויגנדע נידעריג און מיטלמעסיגע-איינקונפט פאמיליעס וועלכע וואוינען אין יענע געגנטער.

״ווי דעמאנסטרירט דורך די לעצטנס דורכגעפירטער סטעיט בודזשעט און אונזער היסטארישער קאפיטאל פלאן, זעצט פאר ניו יארק ווייטער צו מאכן פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען כדי אז מיר זאלן זיך קענען צוריקבויען נאך שטערקער ווי סיי ווען פריער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיר אינוועסטירן אין סטראטעגישע איניציאטיוון לענגאויס דעם סטעיט צו פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט, שטיצן עקאנאמישע אופשטייג און אויפלעבן אונזערע קאמיוניטיס. דאס וויכטיגסטע, דורך פאראויס-פירן באוועגיקייט ברירות, וועלן די אויסטיילונגען באזארגן נייע געלעגנהייטן און אוועקנעמען מניעות פאר מענטשן אין ענווייראנמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטיס פאר וועמען עס איז היסטאריש געווען נישט גענוג צוגעפאסטע טראנספארטאציע צוטריט.״

״ניו יארק איז אנטשלאסן צו פאראויס-ציען די סארטן פראיעקטן וועלכע וועלן נישט נאר העלפן רעדוצירן לופט פארפעסטונג דורך ניצן אנדערע טראנספארטאציע מיטלען, נאר עס וועט אויך לינדערן טראפיק געדראנג און העלפן פארבעסערן באהאפטנקייט, לופט קוואליטעט און צוטריט פאר די איבערוויגנדע נידעריג און מיטלמעסיגע-איינקונפט פאמיליעס,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״די פינאנצירונג איז א געווינס פאר אלע ראיאנען לענגאויס ניו יארק סטעיט, און עס איז נאך א

ביישפיל פון אונזער אנטשלאסנקייט צו מאכן קלוגע אינוועסטירונגען היינטוועלכע וועלן זיין א טובה פאר פילע קומענדע ניו יארקער דורות.״

די פינאנצירונג, וועלכס באזארגט ביז 80 פראצענט פון סך הכל פראיעקט קאסטן, איז צוגעשטעלט דורך דער פעדעראלער הייוועי אדמיניסטראציע און אדמיניסטרירט דורך דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע. פראיעקטן זענען אויסגעוועלט געווארן דורך א פארמעסטערישע פארבעטונג פראצעס וועלכס האט פארלאנגט פון באקומער צו דעמאנסטרירן וויאזוי פארגעשלאגענע אקטיוויטעטן וועלן ביישטייערן צו מער באניץ פון טראנספארטאציע ברירות אויסער אויטאס, און דערביי רעדוצירן לופט פארפעסטונג און / אדער לינדערן טראפיק געדראנג. אינאיינעם מיט פראיעקט ספאנסירער ביישטייערונגען, וועלן די אויסטיילונגען אויסניצן באלד 550 מיליאן דאלער אין נאך קאמיוניטי אינוועסטירונגען.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״גאווערנער קעטי האוקול איז אומוואקלדיג אין איר אנטשלאסנקייט צו פארבעסערן די לעבנס פון אלע ניו יארקער, מיט געצילטע אינוועסטירונגען אין יעדן ראיאן פון דעם סטעיט צו שטיצן אלע מעגליכע טראנספארטאציע מיטלען. מיט א שטארקע פאקוס אויף סיידוואָקס, פארוויילונגס געלעגנהייטן און פיסגייער און ביציקל צוטריט, וועלן די פראיעקטן שטיצן די העכערע פובליק פארלאנג אין דער נאך-קאָוויד-19 סביבה פאר מער פיסגייער-גינציגע און ביציקל-גינציגע קאמיוניטיס. די סארטן אינוועסטירונגען וועלן אויספלאסטערן דעם וועג צו א צוקונפט אין איינקלאנג מיט דער גאווערנער׳ס בליק, וואו אונזערע קאמיוניטיס זענען מער באהאפטן, אונזערע טראנספארטאציע נעצן זענען מער צוטריטליך פאר יעדן און אונזער קארבאן באניץ איז ווייניגער.״

**NYSERDA פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״אין אונזער ארבעט צו עררייכן ניו יארק׳ס קלימאט אקט צילן, איז העכסט נייטיג אז מיר זאלן קענען פארזיכערן פאר איינוואוינער, איבערהויפט אזעלכע אין אונטערסערווירטע ערטער, האבן אפציעס צו גיין צופיס, מיט א ביציקל אדער ניצן אנדערע פארפעסטונגלאזע טראנספארטאציע צו זיכערערהייט גיין צו די ארבעט און האבן צוטריט צו קאמיוניטי באקוועמליכקייטן און רעסאָרסן. ארויסבויען און פארבעסערן מיטגעטיילטע באניץ און ביציקל וועגלעך העלפן רעדוצירן שעדליכע לופט פארפעסטונג פון קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט און שטיצן א הויכע לעבנס-קוואליטעט פאר אלע ניו יארקער דורך פרישע לופט, און ריינערע, גרינערע ענווייראָנמענטס.״

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״איך אפלאדיר גאווערנער קעטי האוקול׳ס שטאנדהאפטיגע אנטשלאסנקייט צו בויען שטערקערע, מער ווידערשטאנד-פעאיגע און שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס. די באדייטנדע אינוועסטירונג, וועלכס וועט האבן א השפעה אויף 75 קאמיוניטיס, איז נאך א סטראטעגישע טריט אין דעם פראצעס וואס שטיצט מער ענווייראנמענטאל-גינציגע טראנספארטאציע מיטלען וואס וועט ברענגען מער מענטשן צו גיין אין די אפענע-לופט צופיס און מיט ביציקלעך צו רעדוצירן אונזער קארבאן באניץ. אין צוגאב וועלן די געלטער דירעקט פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פון מענטשן וועלכע וואוינען אין קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן וועלכע ווערן אפטמאל פארגעסן ווען עס קומט צו קאמיוניטי טראנספארטאציע און אויפלעבונג.

**סענאטאר טשאַק שומער האט געזאגט,** ״מאכט אייך גרייט, ניו יארק, ווייל א דאנק די פעדעראלע דאלארען וואס איך האב געליפערט דורך דעם בייפארטייזאנער אינפראסטרוקטור געזעץ וועלן מיר אט-אט האבן א גרויסן אויפשטייג אין ביציקל באניץ! די פינאנצירונג מיינט בעסערע ליניעס אין סירעקיוס, מער וועגלעך אין די הערליכע איטאקא, מער פיסגייער-גינציגקייט פאר טאונס לענגאויס די פינגער לעיקס, און פיל מער. איך בין שטאלץ צו האבן אויסגעפלאסטערט די וועגן פאר די ריזיגע אינוועסטירונגען

אין גרינוועיס און פארברייטערטע טראנספארטאציע צו האלטן אָפּסטעיט ניו יארק אויף ווייטער זיך ציען צו א ריינערע, געזונטערע און מער צוטריטליכע צוקונפט.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״די סארטן פראיעקטן ווי דער דאזיגער לענגאויס ניאגארא פאָלס בולעוואַרד אין אמהערסט וועלן פארבעסערן זיכערהייט, אינוועסטירונגען אין די טאנאוואנדאס וועלן ווייטער פארזעצן דאס ארויסגעבוי און באהאפטנקייט פון פארווילונגס וועגלעך, און פינאנצירונג פאר עלעקטרישע באסעס וועט שטיצן ריינערע און געזונטערע געגנטער. אלעס אינאיינעם, וועט די באלד 39 מיליאן דאלער אינוועסטירונג אין מערב ניו יארק העלפן בויען שטערקערע קאמיוניטיס און פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פאר איינוואוינער.״

**קאנגרעסמאן פאול טאנקא האט געזאגט,** ״אינוועסטירונגען אין פיסגייער און ביציקל אינפראסטרוקטור זענען העכסט-נייטיג אין באהעפטן מענטשן צו זייערע דזשאָבס, סקולס, און זייער קאמיוניטי אין אלגעמיין. די טראנספארטאציע פארבעסערונגען אין דעם קאפיטאל ראיאן וועט אונז העלפן נאכקומען קריטיש-וויכטיג קלימאט צילן און אונז געבן די געלעגנהייט צו מאכן אונזער ראיאן געזונטער, זיכערער און מער ווידערשטאנד-פעאיג. איך בין דאנקבאר פאר דער גאווערנער׳ס ארבעט אין שטיצן שטארקע טראנספארטאציע פארבעסערונגען. איך וועל ווייטער טרייבן פעדעראלע אינוועסטירונגען וועלכע מאכן וואקסן אונזער ריינע עקאנאמיע און מאכן פארשריטן פאר א בעסערע צוקונפט פאר אונז אלע.״

**קאנגרעספרוי קאטלין רייס האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט אז קאמיוניטיס אין אונזער דיסטריקט האבן געשאפן די געלטער צו פארבעסערן טראנספארטאציע. פינאנצירן די פראיעקטן וועט נישט נאר פארבעסערן גאסן זיכערהייט און די לעבנס פון קאָמיוטערס, אבער עס וועט העלפן רעדוצירן די אלגעמיינע קארבאן באניץ אויף לאנג איילענד. א דאנק אייך, גאווערנער האוקול, פאר׳ן מאכן לאנג איילענד א מער פיסגייער-גינציגע און צוטריטליכע פלאץ צו וואוינען.״

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר ארבעטן אויף צו פארשטערקערן אונזער ארטיגע אינפראסטרוקטור, איז קריטיש-וויכטיג צו פריאריטיזירן פראיעקטן וועלכע שטיצן מולטי-מאדאלישע טראנספארטאציע אפציעס. די אינוועסטירונגען וועלן העלפן אקאמאדירן די געברויכן פון קאָמיוטערס און גלייכצייטיג אפהיטן אונזער ענווייראָנמענט. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן שאפן די פינאנצירונג און וועלן ווייטער אדוואקירן פאר סטראטעגיעס צו שאפן מער זיכערע און מער ענווייראנמענטאל שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס.״

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ זיך אנצושליסן היינט מיט גאווערנער האוקול צו אנאנסירן די געלטער פאר קריטיש-וויכטיגע טראנספארטאציע פארבעסערונגען אין אונזערע פארקס און פובליק ערטער. אין ניו יארק׳ס 16׳טע קאנגרעסיאנעלע דיסטריקט, די שטאט ניו יארק, העיסטינגס-אָן-הודסאן און דער ווילעדזש מעמעראנעק וועלן אלע געניסן פון די פארבעסערונגען צו מאכן פובליק ערטער מער צוטריטליך און גלייכצייטיג גריגער מאכן טראפיק געדראנג. איך קוק ארויס צו זען די פראיעקטן אונטערוועגנס און שטיצן מער טראנספארטאציע באמיאונגען וועלכע וועלן אויך זיין א טובה פאר אונזערע קאמיוניטיס.״

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי, פארזיצער פון דער סענאט טראנספארטאציע קאמיטע, האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו פארבעסערן ניו יארק׳ס אינפראסטרוקטור, איז העכסט נייטיג אז מיר זאלן מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין גאנצע גאסן באגריפן וועלכע מאכן א הויפט ציל אלע ראוד באניצער און פארזיכערן אפגעהיטנקייט און צוטריטליכקייט. די געווידמעטע פינאנצירונג וועט ווייטער פאראויס-פירן ניו יארק׳ס פראגרעסיווע טראנספארטאציע און ענווייראנמענטאלע אגענדעס, און ענדגילטיג שטיצן שטאנדהאפטיגע, אינאווירנדע קאמיוניטיס.״

**אסעמבלי-מיטגליד וויליאם בי. מאגנארעלי, פארזיצער פון סטעיט אסעמבלי טראנספארטאציע קאמיטע, האט געזאגט,** ״אינוועסטירן אין פיסגייען, ביציקל-באניץ און הייקינג וועגלעך פארשטערקערט ניו יארק סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו אונזערע קאמיוניטיס. ניו יארק זעצט פאר ווייטער צו פירן דעם לאנד דורך אנבאטן צוטריט צו די טראנספארטאציע אלטערנאטיוון, וועלכע מוטיגן עקסערסייז און ענווייראנמענטאל-גינציגע אפציעס.״

**איבער ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-ווענדווייזיגע קלימאט אקט**

אום יולי 2019, האט ניו יארק דורכגעפירט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (קלימאט אקט), וועלכס פארטרעט די מערסט אמביציעזע און ארומנעמיגע קלימאט און ריינע ענערגיע לעגיסלאציע אין דעם לאנד. דער קלימאט אקט׳ס לאנד-ווענדווייזיגע קלימאט און ענערגיע צילן האבן גרייט געמאכט די אומשטענדן פאר ברייט-ארומנעמיגע ריי מאסנאמען צו רעדוצירן אונזער קארבאן באניץ און פארבעסערן די ווידערשטאנד-פעאיגקייט פון קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק. עס וועט באזארגן געלעגנהייטן פאר איינוואוינער און קאמיוניטיס צוגלייך זיך צו פאראייניגן אין שותפות מיט ביזנעסער, סקולס, און רעגירונג צו שאפן א גרינע עקאנאמיע און בויען א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט.

א פולע ליסטע פון פראיעקטן לויט׳ן ראיאן איז צו באקומען דא.

**קאפיטאל ראיאן - 27.2 מיליאן דאלער**

- 1,569,539 דאלער צו דעם טאון בעטלעהעם צו בויען א געפלאסטערטע מערערע-צוועק וועגל לענגאויס טשערי עוועניו פארלענגערונג.
- 1,781,000 דאלער צו דעם טאון קליפטאן פארק אויף צו פארבעסערן פיסגייער און ביציקל איינריכטונגען לענגאויס מעין סטריט.
- 4,565,356 דאלער צו דער שטאט קאהאוס צו בויען באלד דריי מייל סיידוואָקס, ביציקל לעינס און אנדערע פארבעסערונגען אויף צו גרינגער מאכן א פיסגייער-גינציגע סביבה אריינגערעכנט זיכערע וועגן צו סקולס.
- 1,496,560 דאלער אין דעם טאון גלענוויל צו בויען סיידוואָקס לענגאויס פרימענס ברידזש ראוד.
- 910,466 דאלער צו דעם טאון גילדערלאנד צו בויען סיידוואָקס צו באזארגן פיסגייער זיכערהייט פארבעסערונגען לענגאויס איסט אלד סטעיט ראוד.
- 1,864,348 דאלער צו דעם ווילעדזש קינדערהוק צו בויען פיסגייער און ביציקל וועג פארבעסערונגען לענגאויס אלבאני עוועניו.
- 2,456,764 דאלער צו דעם ווילעדזש נעסאוי צו בויען שניידפונקט און פיסגייער אָפּגרעידס לענגאויס דעם ווילעדזש.
- 713,526 דאלער צו דעם טאון סענד לעיק צו בויען סיידוואָקס לענגאויס רייכארד׳ס לעיק ראוד צו באהעפטן סענד לעיק ביעטש סיידוואָק.
- 1,497,984 דאלער צו סאראטאגע קאונטי צו בויען א באהעפטונג צו זים סמיט טרעיל — צפון טרעיל עקסטענשען פון דעם טאון באלסטאן צום טאון מילטאן.
- 1,014,400 דאלער צום ווילעדזש וואורהיסוויל צו בויען און ערזעצן סיידוואָקס, קאנטשטיין, און אריבערגאנגען.
- 4,896,000 דאלער צום קאפיטאל דיסטריקט טראנספארטאציע אויטאריטעט צו פארברייטערן באס סערוויס לענגאויס די וואשינגטאן-מערב קארידאר.
- 2,078,926 דאלער צו דער שטאט סקענעקטעדי צו באזארגן פארבעסערונגען צום קרעיג סטריט פיסגייער בריק.

- 2,362,592 דאלער צו דעם טאָון ווילטאַן צו בויען טראַפיק זיכערהייט און פיסגייער באהאפטנקייט פארבעסערונגען.

**צענטראַל ניו יארק - 14.1 מיליאָן דאלער**

- 1,246,560 דאלער צו דעם ווילעדזש נאָרט סירעקיוס צו בויען סיידוואָקס און אריבערגאנגען לענגאויס דעם ווילעדזש.
- 2,096,000 דאלער צו דעם ווילעדזש סאלוועי צו בויען פיסגייער פארבעסערונגען צו קאגסוועל עוועניו.
- 1,537,828 דאלער צום דער שטאט סירעקיוס צו ערזעצן דעם קירק פארק פיסגייער בריק איבער דעם אנאנדאגא קריעק און צושטעלן א באהעפטונג צו קריעקוואק.
- 3,574,400 דאלער צו דער שטאט סירעקיוס צו בויען פיסגייער און ביציקל פארבעסערונגען צו ערי בולעוואַרד וועסט.
- 717,630 דאלער צו דעם טאָון לענאקס צו בויען א וועגל וואס באהעפט צו דעם לענאקס צו קאנאסטאטע וועמפסוויל רעיל טרעיל.
- 500,000 דאלער צו דעם ווילעדזש פיניקס צו איבערבויען סיידוואָקס און אינסטאלירן אויספאלגנדע אריבערגאנגען צו באהעפטן דעם פיניקס צענטראל סקול דיסטריקט צו דעם ווילעדזש׳ס קאנאל וואסערפראנט דיסטריקט.
- 4,426,450 דאלער צו אנאנדאגא קאונטי צו בויען פיסגייער און זיכערהייט פארבעסערונגען לענגאויס טיעל עוועניו.

**פינגער לעיקס - 23.7 מיליאָן דאלער**

- 944,934 דאלער צו דער שטאט באטאוויע צו בויען טראַפיק בארואיגונג, בייק לעינס און סיידוואָקס לענגאויס בענק און אלווא סטריט.
- 1,207,336 דאלער צו דעם ווילעדזש בראקפארט צו בויען סיידוואָקס, פיסגייער וועגל, אריבערגאנגען און אנדערע פיסגייער און ביציקליסט זיכערהייט פארבעסערונגען ביי דעם סמיט סטריט ברידזש.
- 4,004,800 דאלער צו דעם ווילעדזש פעירפארט צו בויען סיידוואָקס און ביציקל און פיסגייער פארבעסערונגען צו מעין סטריט.
- 1,771,200 דאלער צו דעם טאָון פארמינגטאן צו בויען סיידוואָק און טרעיל באהעפטונגען לענגאויס דעם קאמיוניטי צענטער געגנט פון טאָון.
- 1,657,600 דאלער צו אנטעריאו קאונטי צו בויען סיידוואָקס, א פיסגייער בריק און א פיסגייער און בייק וועגל לענגאויס רוּט 364 פון לעיקשאר דרייוו צו מארווין סענדס דרייוו.
- 583,384 דאלער צו דעם טאָון פערינטאן צו בויען א טרעיל פון ספּרינג לעיק פארק צו טשענינג פילבריק פארק.
- 540,000 דאלער צו דעם טאָון פיטספארד צו בויען א סיידוואָק און אריבערגאנג פארבעסערונגען אין דעם געגנט פון טארנעל פאַרם פארק און פיטספארד מענדאן הויך-שולע.
- 576,400 דאלער ראטשעסטער-דזשענעסי ראיאנישע אויטאריטעט צו אינסטאלירן נייע באס שוץ-ערטער און ארויפשטעלן זיץ-ערטער אין מאנראו און ארליענס קאונטי.
- 1,828,147 צו דעם טאָון סענעקע פאָלס צו בויען סיידוואָקס, פארבעסערן אריבערגאנגען און שילדן נאענט נעבן מינדערס אקאדעמיע הויך-שולע פאר זיכערע רוּטס צום סקול.
- 1,518,053 דאלער צו דעם ווילעדזש איסט ראטשעסטער צו בויען סיידוואָקס, קאנטשטיין און אריבערגאנגען אין דעם געגנט פון דעם איסט ראטשעסטער K-8 און הויך-שולע.

- 1,094,196 דאלער צו דעם ווילעדזש מעדינע צו בויען א מערערע-צוועק וועגל פאר פיסגייער און ביציקליסטן לענגאויס דעם מעיפעל רידזש ראוד קארידאר.
- 5,000,000 דאלער צו דעם ראטשעסטער-דזשענעסי ראיאנישע אויטאריטעט פאר׳ן אפקויפען הייְדראָדזשען פיועל צעל באסעס און פיועלינג סיסטעם צו סערווירן מערב ניו יארק.
- 3,000,000 דאלער צו דער שטאט ראטשעסטער איבערצובייטן א פארלאזטע רעילראוד בריק איבער׳ן גרין טייך פאר א מולטי-צוועקיגע וועגל פאר פיסגייער און ביציקליסטן.

**לאנג איילענד - 6.8 מיליאן דאלער**

- 5,000,000 דאלער צו נעסאוי קאונטי צו בויען סיידוואָקס און טראפיק בארואיגונג פארבעסערונגען צו דעם ליידא בולעוואַרד קארידאר.
- 1,774,714 דאלער צו דעם ווילעדזש וואלי סטרים צו בויען אומגעפער א מולטי-צוועקיגע וועגל צו באהעפטן עקזיסטירנדע וועגלעך צו דעם לאנג איילענד רעיל-ראוד.

**מיטל-הודסאן - 38.8 מיליאן דאלער**

- 3,045,266 דאלער צו דעם ווילעדזש ברייערקליף מענאר צו בויען סיידוואָקס, טראפיק בארואיגונג מאסנאמען, און פיסגייער אריבערגאנג לענגאויס פלעזענטוויל ראוד, נאָרט סטעיט ראוד און דעלטאן לעין.
- 3,617,424 דאלער צו דעם טאון קארטלענד צו בויען סיידוואָקס, בייק לעינס און גאס-אויסזע פארבעסערונגען לענגאויס וועסטברוק דרייוו.
- 2,781,317 דאלער צו דעם טאון קראופארד צו בויען סיידוואָק, קאנטשטיין, ראמפעס און אריבערגאנגען צו נאָרט סטריט.
- 5,000,000 דאלער צו דעם טאון גרינבורג צו בויען סיידוואָק און פיסגייער אריבערגאנג פארשטערקערונגען און פארבעסערונגען צו דעם איסט-וועסט הארטסדעיל עווניו קארידאר.
- 785,395 דאלער צו דעם ווילעדזש העיסטינגס-אן-הודסאן צו בויען סיידוואָק, קאנטשטיין און א פיסגייער בריק הארט נעבן בראדוועי (רוט 9).
- 1,085,800 דאלער צו דעם טאון הייד פארק צו בויען סיידוואָקס און פיסגייער באלייכטונג אויף היסטארישן מעין סטריט.
- 3,999,420 דאלער אין דעם ווילעדזש מעמעראנעק צו בויען סיידוואָק, קאנטשטיין, טראפיק בארואיגונג מאסנאמען, פיסגייער אריבערגאנג לענגאויס האלסטעד עווניו.
- 958,272 דאלער צו דער שטאט ניו ראשעל צו בויען ADA-אויספאלגנדע סיידוואָק ראמפעס, פיסגייער סיגנאלן און דרוק קנעפלעך ביי פארשידענע ערלייי לאקאציעס.
- 3,960,000 דאלער צו אולסטער קאונטי צו איבערבייטן 2.5-מייל אולסטער און דעלעווער רעילראָוד צו א מולטי-צוועקיגע וועגל און פיסגייער בריקן פון היימאונט צו בעלאייר ביעטש DUA אין דעם טאון שאנדאקען.
- 1,797,112 דאלער צו דעם ווילעדזש וועסלי הילס צו בויען ADA-אויספאלגנדע סיידוואָקס אויף ווילאו טרי ראוד.
- 5,000,000 דאלער צו דעם ווילעדזש איסט פישקיל צו בויען אפגערוקטע ראַונדעבאָוטס ביי רוט 82 / רוט 376.
- 5,000,000 דאלער צו דעם מיטל-הודסאן ראיאן צו בויען א ראַונדעבאָוט ביי רעימאנד עווניו, ניו העקענסעק ראוד און הוקער עווניו אין דער שטאט פאקיפסי.
- 1,793,520 דאלער אין דעם טאון איסט פישקיל פאר שניידפונקט און פיסגייער פארבעסערונגען אויף רוט 52 נאענט צו דזשאן דזשעי הויך-שולע.

**מאוהאק וואלי - 8.6 מיליאן דאלער**

- 5,000,000 דאלער צו דער שטאט אניאנטא צו בויען סיידוואָקס און שאולדער פאר פיסגייער און ביציקלער לענגאויס רוט 23 און 28.
- 3,576,000 צו דער שטאט ראום אויסצוציען דעם מאָוהאָוק ריווער טרעיל צפון פון רייט-סעטלמענט ראוד צו גאלף קורס ראוד.

**ניו יארק סיטי - 7.7 מיליאן דאלער**

- 2,763,904 דאלער צו דער שטאט ניו יארק צו בויען א צוויי-וועגיגע, הויכקייט-אפגעטיילטע גרינוועי וועגל לענגאויס פלעטלענדס עוועניו.
- 5,000,000 דאלער צו דער שטאט ניו יארק צו בויען פיסגייער און ביציקל וועגלעך פארבעסערונגען לענגאויס דעלענסי סטריט.

**נארט קאנטרי - 5.1 מיליאן דאלער**

- 2,348,320 דאלער צו קלינטאן קאונטי צו בויען סיידוואָקס, קאנטשטיין, ADA-ראמפעס, און ביציקל לעין פארבעסערונגען צו דער מיליטערי טורנפייק קארידאר אין דעם טאון פלאטסבורג.
- 1,084,000 דאלער צו דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (NYSDEC) צו בויען א מולטי-צוועקיגע פיסגייער בריק ביי דעם סאָוט אינלעט פאראלעל צו רוט 28.
- 1,663,764 דאלער צו דער שטאט וואטערטאון צו בויען סיידוואָקס און מולטי-צוועקיגע וועגל צו דעם מערב טייל פון דעם בלעק ריווער טרעיל.

**סאוטערן טיער׳ - 8.0 מיליאן דאלער**

- 2,200,000 דאלער צו דער שטאט איטאקא צו בויען א מולטי-צוועקיגע וועגל צו דעם בלעק דיימענד טרעיל ביז דעם געיטוועי טרעיל.
- 571,263 דאלער צו דעם ווילעדזש מאנטור-פאלס צו בויען גאסן שטורעם-וואסער פארבעסערונגען צו אסוועגא סטריט.
- 671,954 דאלער צו דעם ווילעדזש פעינטעד-פאסט צו בויען סיידוואָקס, א פיסגייער וועגל, און אנדערע פיסגייער זיכערהייט פארבעסערונגען צו דעם ווילעדזש פיסגייער טרעיל.
- 2,344,703 דאלער צו דעם טאון וועסטאל צו בויען א מולטי-צוועקיגע וועגל לענגאויס וועסטאל ראוד.
- 2,191,838 דאלער צו דעם ווילעדזש קאיוגע הייטס צו בויען סיידוואָקס לענגאויס קאיוגע הייטס ראוד.

**מערב ניו יארק - 38.8 מיליאן דאלער**

- 1,490,400 דאלער צו דעם טאון אמהערסט צו בויען סיידוואָק און ביציקל לעין פארבעסערונגען צו קערי ראוד פון פערעדייס פארק צו טראנזיט ראוד.
- 2,985,600 דאלער צו דער שטאט באפעלאו פאר רעהאביליטירונג צו דעם סקאדזשאקוואדא טרעיל פון מעין סטריט ביז פילמאָר עוועניו.
- 791,680 דאלער צו דער שטאט באפעלאו פאר׳ן אויסציען דעם פארעסט עוועניו מולטי-צוועקיגע וועגל.
- 2,354,887 דאלער צו דעם טאון עוועגס פאר׳ן בויען א טייל פון דעם שאָרליין טרעיל לענגאויס לעיק שאָר ראוד.
- 3,861,362 דאלער צו ניאגארא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט צו בויען באס סטאפ קענאפיס און פיסגייער / ביציקל אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען לענגאויס נאָרט דיוויזשען סטריט אין דער שטאט באפעלאו.
- 1,396,807 דאלער צו דער שטאט אליען צו בויען א מיטגעטיילטע באניץ וועג לענגאויס אליען וועין סטריט.
- 1,600,000 דאלער צו דעם טאון ארטשארד פארק צו בויען סיידוואָקס און פיסגייער אריבערגאנגען צו פארבעסערן זיכערע רוּטס צו סקולס.
- 5,000,000 דאלער צו ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג צו בויען פיר פיסגייער בריקן אין דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק אין אלעגאני קאונטי.
- 1,696,000 דאלער צו דעם טאנאוואנדא צו בויען א ריווערוואָק מולטי-צוועקיגע פיסגייער טרעיל צו באהעפטן ריווער ראוד צו טוּ מייל קריעק ראוד.
- 5,000,000 דאלער צו דער ניאגארא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט פאר׳ן איינקויפן באטערי עלעקטרישע באסעס (BEB) צו סערווירן באפעלקערונגען לענגאויס מערב ניו יארק.
- 1,050,000 דאלער צו דער שטאט נארט טאנאוואנדא צו בויען א פארלענגערונג צו דעם ערי קאנאל ביציקל וועגל צווישן מעיאר׳ס פארק און נארט טאנאוואנדא באטאנישע גארטנס.
- 3,448,028 דאלער אין דעם טאון קלערענס צו בויען סיידוואָק און פיסגייער פארבעסערונגען פון מעין סטריט צו טראנזיט ראוד.
- 802,707 דאלער צו דעם ווילעדזש וויליאמסוויל צו בויען סיידוואָק און קאנטשטיין ראמפעס לענגאויס מעין סטריט.
- 5,000,000 דאלער צו דעם מערב ניו יארק ראיאן צו בויען א אפווענדנדע דימאנט-פארעם אינטערטשעינדזש ביי דעם I-190 און ניאגארא פאָלס בולעוואַרד שניידפונקטן.
- 2,368,000 דאלער צו דעם מערב ניו יארק ראיאן צו בויען א נייע דורכגאנג לעין, צוגאנגען, טראפיק סיגנאל און פיסגייער אריבערגאנגען ביי רוּט 33-דזשענעסי סטריט ביי העריס היל שניידפונקט אין דעם טאון לענקעסטער, ערי קאונטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן